National Library of Israel

Haynt - היינט, 09.10.1934, page 4

דער רבי פון יאבלאָנע

דער יאבלאָנער רבי, דער גרינדער פון דער חסידישער קאָלאָניע אין א"י „נחלת יעקב", אָדער „כפר חסידים", איז אַמאָל שטאַרק מפורסם געווען ביי אונז. א געוויסע צייט זענען די צייטונגען געווען פול מיט איהם און זיין נאָמען איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע אין דער אידישער גאַס. אָבער ביי אידען איז דער וועג פון פרסום ביז שכחה און פון שבחים ביז בזיונות נאָר איין שריט. און דאָס זעלבע האָט אויך מיט דעם דאָזיגען רבי'ן פּאַסירט... מיט איינמאָל האָבען די אַלע נעכטיגע פערעהרער א קרום געטהון מיט דער נאָז און זיך אָבגעקעהרט פון איהם. דער רבי איז געצוואונגען געוואָרען צו נעהמען דעם וואַנדער־שטעקען און צו אַנטלויפען ערגיץ למדינת־הים, וואו עס האָט זיך קיינער מעהר אויף איהם נישט אומגעקוקט און זעלטען ווער עס האָט פון צייט צו צייט זיין נאָמען דערמאָנט...

אָבער אַט לייען איך די פאָריגע וואָך א קאַפּיטעל זכרונות, וואָס דער רבי פון יאבלאָנע האָט לעצטענס אָנגעהויבען צו פערעפענטליכען. און חיות ווי איך פיהל מיך אַלס שטיקעל שותף צו איהם, מחמת איך האָב גאָר שטאַרק מיטגעהאָלפען צו זיין ערשטער התגלות, האַלט איך דעריבער ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט פאַר נישט איבעריג עפּעס צושטייער צו געבען צו די דאָזיגע זכרונות.

איינמאָל אין א זומערדיגען נאָכמיטאָג — געווען איז עס אין די יאָהרען פון דער „פיערטער עליה" — קומט אַריין צו מיר אַן'אומבעקאַנטער חסידישער יונגערמאַן אין אַן'אַלפּאַגען כאַלאַטעל און אין א זיידענעם היטעל, ווי עס טראָגען די גאָר חסידישע קעסט־אידימלעך און האַלבע כלי־קודש, מיט א בלייך, איינגעפאַלען פּנים און מיט א פּאָר טרויעריגע פערחלום'טע אויגען און דערביי איז זיין גאַנצער האַלטונג זעהר אומדרייסט און שעמעוודיג.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען?

דער יונגערמאַן זעצט זיך אומדרייסט אוועק אויף א האַלבער שטוהל און ענטפערט זעהר שטיל, קוים וואָס מען הערט:

— איך בין אייך געקומען — מאַכט ער — בעטען, אפשר איז מעגליך צו קריגען פאַר מיר א סערטיפיקאַט?

— א סערטיפיקאַט? אַלס וואָס?

— וואָס הייסט, אַלס וואָס? אַלס... אַלס אַרבייטער... ס'הייסט, כ'וויל פאָהרען אַרבייטען די ערד.

דער דאָזיגער ענטפער אין מויל פון דעם בלייכען, אויסגעוויקטען יונגערמאַן, וועלכער איז בעשטאַנען ממש פון הויט און ביינער, האָט געמאַכט א העכסט קאָמישען איינדרוק.

— ווער זענט איהר אייגענטליך?

— איהר קענט מיך נישט — מהוט ער ביטול'דיג א מאַך מיט דער האַנד, ווי עס וואָלט נישט כדאי געווען צו ענטפערען אויף דער דאָזיגער שאלה — סתם א איד, א חסידישער איד, וואָס געהט אויס פון אהבה צו ארץ־ישראל...

— א בעווייבטער?

— פערשטעהט זיך... קיין קינדער ל"ע האָב איך נישט.

— מיט וואָס בעשעפטיגט איהר זיך דאָ?

— עט, ווי אַלע אידען, מיט לופט... עס איז נמאס אַזאַ לעבען, כ'וויל ווערען א פּשוטער ערד־אַרבייטער, מיט ברויט און וואַסער וועל איך זיך בעגנוגענען... איז אפשר וואָלט מעגליך געווען, איהר זאָלט מיר צוהעלפען און זיך משתדל זיין פאַר מיר, מיין גאַנץ לעבען וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין — האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר א פּאָר וואַרימע, בעטענדע אויגען.

א סערטיפיקאַט איז דאַמאָלס, אמת, נישט אָנגעקומען אַזוי שווער ווי היינט, נישט ווייל ס'זענען געווען מעהר סערטיפיקאַטען, נאָר ווייל ס'זענען געווען ווייניג בעלנים און אויך קיין חבשרה איז נאָכנישט נויטיג געווען, חוץ לוח זענען דאָך געווען פיעל אַנדערע לייכטערע וועגען, ווי אַזוי צו קומען נאָך א"י. דאָך האָב איך זיך בעמיהט אויסצוקלערען דעם יונגענמאַן, אַז ער דאַרף זיך עס אַרויסשלאָגען פון קאָפּ. דען עס איז נישט פאַר איהם. ערשטענס דאַרף ער וויסען, וואָס עס הייסט ערד־אַרבייט אין ארץ־ישראל, דאָס איז עבודת־פרך, קאַטאָרגע ממש, צו וועלכער ער איז לויט זיין אויסזעהן בכלל נישט צוגעפּאַסט. צווייטענס קען די דאָזיגע אַרבייט קוים קלעקען אויף לחם צר ומים לחץ פאַר זיך אַליין (מען האָט נאָך דאַמאָלס נישט געצאָהלט אין ארץ־ישראל אַזעלכע אַרבייטס־לוינען, ווי היינט), דאַנעגען צו קאָנען נאָך דערפון מפרנס זיין א ווייב, איז אויסגעשלאָסען, דריטענס...

— אף על פי כן! — האָט ער מיר איבערגעשלאָגען. — כ'בין גרייט אויף אַלעס.

האָב איך איהם ווידער און ווידער אַמאָל ערקלערט, אַז ס'איז אוממעגליך, אַז אַזעלכע ווי ער קאָנען קיין חלוצים־סערטיפיקאַטען נישט בעקומען, סיידען אויב ער קאָן פאָהרען מיט אביסעל געלד און זיך ערווערבען אַן'אייגען שטיקעל באָדען, פון וועלכען ער זאָל די ערשטע צייט נישט דאַרפען ציהען קיין תיונה... ער איז געבליבען זיצען אַן'ענטוישטער, א פערמרה־שחורה'טער, ווי כ'וואָלט איהם די פליגעל אונטערגעהאַקט, די לעצטע האָפנונג צוגערויבט. ער האָט טיעף אָבגעזיפצט און זיך אויפגעהויבען צום אוועקגעהן.

כ'האָב די גאַנצע צייט נישט געקאָנט אָבדרייסען דעם בליק פון זיין בלייכען פּנים, אויף וועלכען עס איז געלעגען אַזוי פיעל אַדעל און פון די אויגען זיינע, די טיעף־שוואַרצע פערחלום'טע אויגען. עפּעס האָט דאָס דאָזיגע פּנים און די דאָזיגע אויגען עדות געזאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין געוועהנליכער דורכשניטליכער יונגערמאַן פון דער גאַס, און בעגלייטענדיג איהם צום אַרויסגאַנג, האָב איך איהם, בעת ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, צום צווייטען מאָל א פראַגע געטהון:

— אָבער ווער אייגענטליך זענט איהר?

דאָס מאָל איז איהם קענטיג שווער געווען אַרויסצודרעהען זיך פון מיין פראַגע. ער איז אביסעל רויט געוואָרען און געענטפערט שטאַמלענדיג, מיט א לייכטען, שעמעוודיגען שמייכעל:

— איך... ס'הייסט אייגענטליך... בין איך פון... א רבישען הויף...

דערהערט די תשובה האָב איך דעם יונגענמאַן פון דאָס ניי אַריינגעבעטען צו זיך און גענומען מיט איהם זיך פונאַנדערשמועסען שוין גאָר אויף אַן'אַנדערען אופן.

קודם־כל האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז נישט בלויז ער שטאַמט פון א רבישען הויף, נאָר ער אַליין איז שוין א רבי. עס פאָהרען צו איהם עטליכע הונדערט חסידים, ער האָט עטליכע „שטיבלעך" אין וואַרשא און עס פעהלט איהם נישט חלילה קיין פּרנסה, אָבער — האָט ער זיך פאַר מיר געוואונדען אָבערערען פון האַרצען — עס בעפרידיגט איהם נישט און ער וואָלט זיך וועלען דערפון אַרויסרייסען און אַנטלויפען... נאָכ'ן פאָטער'ס פּטירה האָבען זיך די חסידים אָנגעזעצט אויף איהם, בגוואַלד איהם געקרוינט פאַר רבי, ער פיהלט זיך אָבער פרעמד אין דער דאָזיגער קרוין... דאָס איצטיגע חסידות האָט בכלל בעקומען א משונה'דיגע צורה און האָט מיט'ן אמת'ן חסידות מעהר קיין שום געמיינזאַמעס נישט און נישט דאָס האָט דער בעש"ט געמיינט... דער תוך איז שוין לאַנג אויסגעגעסען געוואָרען און געבליבען איז בלויז די קליפּה, דאָס חיצוניות, מען מאַכט נאָך בלויז די תנועות פון די אַמאָליגע חסידים. א קרעמעל וואוהין די חסידים קומען איינהאַנדלען פערשידענע מציאות, גלויבענדיג, אַז דער רבי האָט צו פערקויפען עשירות, געזונד, קינדער, גוטע שידוכים, ווי אויך קלוגע סוחרישע עצות... נאָך קיין אַנדערע זאַכען קומט מען נישט צו איהם. קיין העכערע זאַכען האָט קיינער נישט אין זינען...

עס האָט זיך ענטוויקעלט א דיספּוט, אין וועלכען מיר האָבען זיך — ווי מערקווירדיג דאָס זאָל נישט אויסזעהן — געביטען מיט די ראָלען. ער, דער רבי, דער יורש פון א לאַנגער רבישער דינאַסטיע, איז אַרויסגעטרעטען אַלס בעשולדיגער און קריטיקירער פון חסידות און איך, דער „מתנגד", וועלענדיג איהם טרייסטען און בערוהיגען, האָב גענומען אויף זיך די מיה פון א פערטיידיגער, אָנווייזענדיג אויף די ליכט־זייטען פון חסידות, אויף א רייה פּאָזיטיווע מאָמענטען, צו וועלכע עס געהערען קודם־כל די מאַסען־דיסציפּלין, די געהאָרכזאַמקייט און די אָנערקענונג פון אויטאָריטעט, פון „אפילו אם יאמר לך על ימין שהוא שמאל", צוויי זאַכען, אין וועלכע עס פיהלט זיך ביי אונז, ליידער, אַזאַ מאַנגעל און דורך וועלכע עס איז מעגליך אַסך צו דערגרייכען און פיעל נוצען צו ברענגען, אויב זיי זאָלען אויסגענוצט ווערען צום גוטען, פאַר די ווירקליכע אינטערעסען פון כלל.

און דאָ זענען מיר צוגעקומען צו אַנדער אייגענטליכען ענין: אויב ער, דער רבי פון יאבלאָנע, איז ווירקליך אַזאַ חייסער אָנהענגער פונם אויפבוי פון אידישען לאַנד און פון אומקעהרען אידען צו ערד־אַרבייט, טאָ פאַרוואָס זאָל ער נישט אויסנוצען זיין איינפלוס אין די חסידישע קרייזען בכלל און אויף זיינע אָנהענגער בפרט און זאָל ער אָנהויבען פיהרען צווישען זיי א ברייטע פּראָפּאַגאַנדע וועגען גרינדען אין ארץ־ישראל א קאָלאָניע פון פרומע חסידישע אידען און זאָל ער אַליין טאַקי נעהמען די איניציאַטיוו און זיך שטעלען בראש פון דער דאָזיגער בעוועגונג, און פון אַלע זייטען וועט מען איהם מיטהעלפען אין דער דאָזיגער אַרבייט...

די אידעע איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען, זיין פּנים האָט אויפגעלויכטען. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און זיין וואָוינונג, אויף פּאַוויאַ גאַס, ווי אויך דאָס יאבלאָנער „שטיבעל" אויף פראַנציסקאַנער גאַס זענען געוואָרען פול מיט'ן „אווירא דארץ ישראל". טעג און נעכט זענען דאָרט פאָרגעקומען אסיפות און בעראַטונגען פון חסידישע אידען, וועלכע זענען מיט גרויס ברען צוגעפאַלען צום ענין, צו אָרגאַניזירען די פּיאָנערען און בויער פון דער חסידישער קאָלאָניע. פאַר וועלכע מען האָט שוין צוגעגרייט א נאָמען: „נחלת יעקב".

היינט, ווען מיר האָבען שוין ב"ה זוכה געווען זאָגאָר צו אגודה'שע חבשרה־פונקטען און צו א פּראָקלאַמירטען „קרן חישוב" איז דאָס מעהר קיין רבותא נישט; דאַמאָלס אָבער, ווען ביי חסידים און הויפטזעכליך אין די רבי'שע הויפען זענען נאָך די אַלע זאַכען געווען טריפה־חזיר, ווען אין געוויסע שטיבלעך פלעגען די גבאים אויסרופען „בפקודת האדמו"ר שליטא", אַז ווער עס טראָגט זיך אַרום מיט'ן רעיון צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל, זאָל ער מעהר נישט קומען אין שטיבעל אַריין דאַוונען — דאַמאָלס איז דאָס ווירקליך געווען א סענסאַציאָנעל געשעהניש, וואָס האָט אָנגעמאַכט א געוואַלדיגען רעש. אמת טאַקי, אַן'עהנליכען פּרוב צו גרינדען אין ארץ־ישראל א חסידישע קאָלאָניע איז שוין געמאַכט געוואָרען מיט א שטיקעל צייט פריהער דורך ר' יצחק נערשטענקאָרן, דער שעפער פון „בני ברק", אָבער ה' נערשטענקאָרן איז דאָך קיין רבי נישט געווען. אַז א רבי אַליין, בכבודו ובעצמו זאָל זיך שטעלען בראש פון אַזאַ בעוועגונג און זיין איינער פון די פּיאָנערען, אַליין זיין גרייט צו ווערען א פּשוטער אַרבייטער — דאָס איז באמת געווען א נשוואַמער רעוואָלוציאָנערער שריט, וואָס האָט פון איין זייט, ביי די ציוניסטיש געשטימטע מאַסען, אַרויסגערופען גרויס סימפּאַטיע און אָנערקענונג, דאַגעגען אָבער האָט עס דערוועקט גרויס כעס און פערביטערונג ביי אַלע רביים און זייערע חסידים, וועלכע האָבען זיך אָבגעקעהרט פונ'ם יאבלאָנער און איהם געשטעלט מחוץ למחנה...

נישט דאָ און נישט איצט איז דער פּלאַץ צו בעשרייבען אויספיהרליך די געשיכטע פון „נחלת יעקב" און די שווערע נסיונות, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען, ביז זי האָט ענדליך אויסגעקעמפט איהר עקזיסטענץ. נאָך די האָניג־חדשים פון התלהבות, טענץ און געזאַנג, האָבען זיך פאַר די ערשטע אָהינגעקומענע פּיאָנערען מיט'ן רבי'ן בראש, אָנגעהויבען זעהר ביטערע ימי־חמעשה, פול מיט ענטוישונגען און מיט אַחן א שיעור שטרויכלונגען און שטערונגען, מיספערפאַלגען און דורכפאַלען. עס איז מיט יעדען טאָג געוואַקסען די צאָהל פון די מתאוננים, דאָס „מורמלעניש אין די געצעלטען" און די פערביטערונג און דער רוח פון „נתנה ראש ונשובה". דעם גאַנצען כעס האָט מען, פערשטעהט זיך, אויסגעלאָזט צום פּיהרער, צום רבי'ן, אַלס דעם שולדיגען אין אַלע צרות. מען האָט נישט נור מקיים געווען דעם „רבן דחפו", נאָר עס האָט גאָר קיין סך נישט געפעהלט, מען זאָל געהמען דעם רבי'ן און איהם פערשטיינען, ממש לינטשען אין מיטען פעלד... מיט זעקסטהאַלבען יאָהר צוריק, בשעת כ'בין געווען דאָרט, האָט זיך די קאָלאָניע געפונען אין א זעהר קלאָגעדיגען און יאַמערליכען מצב. דער רבי איז שוין נישט געווען דאָרט. ער איז אַזוי פיעל בזיונות אויסגעשטאַנען און מען איז איהם אַזוי די יאָהרען דערגאַנגען, אַז ער איז געצוואונגען געוואָרען צו אַנטלויפען. ער איז אַנטלאָפען אין דער וועלט אַריין. אַוועק קיין אַמעריקאַ, וואו ער האָט געליטען גרויס דחקות און, אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז ער לסוף, בכדי צו פערדינען זיך אויף ברויט, געוואָרען דאָרט אַן'אַגענט פון אַסעקוראַציע...

די קאָלאָניע, וואָס ער האָט געגרינדעט און וואָס טראָגט שוין איצט דעם נאָמען „כפר חסידים" איז שוין די „קינדער־קראַנקהייטען" לאַנג דורכגעגאַנגען און בשעת איך האָב זי בעזוכט צום צווייטען מאָל, מיט א האַלב יאָהר צוריק, האָב איך איהר שוין געטראָפען אין א גאַנץ אַנדערען, בליהען צושטאַנד. פּרנסה איז שוין ב"ה פאַרהאַן בשפע און דער עולם איז שוין צוריק צופרידען און צוריק בעגייסטערט, אָבער — דער רבי איז נאָך אַלץ נעונד אין דער וועלט.

און איצט שרייבט ער זכרונות...

ב. יאושזאָהן.